רבי ליב עמריך זצ"ל

באַהאַלט זיך אין רמזים

אינעם צווייטן אַרטיקל פונעם מנין פון הגה"ק רבי נתן הכהן אַדלער זי"ע אין פראַנקפורט דמיין (וועלכע איז ערשינען מיט עטליכע וואָכן צוריק אין אוצר), האָבן מיר באַשריבן תלמידו המובהק וממשיך דרכו הגה"ק רבי ליב עמריך זצ"ל וואָס זיין 200סטע יאָרצייט איז אויסגעפאַלן פאַרגאַנגענעם חודש כסלו תשע"ח. מיר האָבן געברענגט איבער אים אַז ער האָט נישט געוואָלט מאַכן את התורה קרדום לחפור בה, און אפילו פאַר מוהלות, זייענדיג פון די גרעסטע מוהלים אין דייטשלאַנד, האָט ער נישט גענומען קיין געלט. ער האָט געצויגן חיונה פון באַשעפטיגן זיך מיט כתבי ידות און אַנטיק ספרים.

איין ספר וואָס רבי לייב עמריך זצ"ל האָט מעתיק געווען פון אַן אור-אַלטן כתב יד מספרן של ראשונים, איז דער ספר "אוצר הכבוד" פון רבינו טודרוס ב"ר יוסף הלוי אבולעפיא זצ"ל וואָס איז אַ זייער אַ זעלטענער קבלה ספר צוליב צוויי אורזאַכן: א) עס איז אַ קבלה ספר פון אַ ראשון (אַסאַך יאָרן איידער'ן אריז"ל). ב) עס איז אַ קבלה ספר אויף ש"ס וואָס טייטשט אויס פאַרשידענע קטעים פון יעדע מסכת עפ"י תורת הנסתר.

רבי ליב עמריך האָט אבער אַרויסגעגעבן דעם כתב יד נישט בלויז בעילום שם, נאָר באַהאַלטן הסתר בתוך הסתר. ווען נישט דעם וואָס היינטיגע תלמידי חכמים מובהקים האָבן מפענח געווען זיין קונצליכן רמז, וואָלט מען קיינמאָל נישט געוואוסט אַז דער מוציא לאור איז געווען רבי ליב עמריך זצ"ל.

ווער איז דער מחבר פון "אוצר הכבוד"?

צו אַלעם ערשט איידער מיר אַנטפלעקן דעם מעתיק אדער מוציא לאור, דאַרף מען פריער מברר זיין ווער עס איז געווען דער עצם מחבר פונעם ספר.

איינער פון די גדולי הראשונים כמלאכים איז געווען דער רמ"ה, רבינו מאיר הלוי אבולעפיא זצ"ל. ער איז געבוירן געוואָרן ד' אלפים תתק"ל און נסתלק געוואָרן י"ח ניסן ה' אלפים-ד'. ער איז געווען פון די גרויסע פוסקים הראשונים אין שפּאַניע, מחבר פון "יד רמ"ה" אויף ש"ס און "שו"ת הרמ"ה". ער איז אויך באַקאַנט אַלס איינער פון די גרויסע חולקים אויפ'ן רמב"ם.

זיין פאָטער איז אויך געווען מגדולי הראשונים, רבינו טודרוס ב"ר יוסף הלוי, וועלכער איז געווען נשיא פון ק"ק טאָלעדאָ אין שפּאַניע - אַ כסא הרבנות וואס איז נאָכדעם אריבער צו זיין זון דער רמ"ה. רבינו טודרוס האָט געהאַט נאָך אַ זון, רבינו יוסף, און דער רבינו יוסף ב"ר טודרוס האָט געהאַט אַ זון רבינו טודרוס בן ר' יוסף (השני).

דער צווייטער רבינו טודרוס בן יוסף הלוי איז געבוירן געוואָרן ד' אלפים תתקפ"ה און נסתלק געוואָרן ה' אלפים מ"ג. ער איז געווען אַ גאון ובעל מקובל און אויך פאַררעכנט מחד מהראשונים. ער האָט מרביץ תורה געווען אין אין סעוויל, שפּאַניע און געווען נאָנט מיט'ן רשב"א. שפּעטער האָט ער געוואוינט אין קאַסטילאַ, שפּאַניע וואו ער איז געווען אָנגענומען אַלס דער ראש גולת ספרד.

ווי מען זעט, זענען געווען צוויי ראשונים מיט'ן נאָמען "רבינו טודרוס ב"ר יוסף": דער זיידע און דער אייניקל. דער זיידע איז געווען דער פאָטער פונעם רמ"ה און דער אייניקל איז געווען אַ פּלומעניק פונעם רמ"ה. דער ספר "אוצר הכבוד" איז נתחבר געוואָרן דורך רבינו טודרוס ב"ר יוסף הלוי - וועלכער?

אויפ'ן שער בלאַט, ווי אויך אין די הסכמות, שטייט "אשר איזן וחיקר ותיקן האי חסידא קדישא הרב האלקי מרנא ורבנא רבינו טודרוס הלוי, **אבי** הגאון החסיד המקובל האקלי רבינו מאיר הלוי, אשר האיר עיני הגולה בחבוריו בנגלה ובנסתר".

דער חיד"א אין שם הגדולים דערמאַנט ביידע ר' טודרוס. אין שם הגדולים חלק ב' מערכת ספרים ברענגט דער חיד"א דעם ספר "אוצר הכבוד" און שרייבט בלויז "חברו על דרך הסוד רבינו טודרוס הלוי וראיתיו כתב יד".

אבער דער גרויסער ידען וחוקר פון קראקא, רבי מנחם מאנדל קרענגיל ז"ל וועלכער האָט געשריבן די באַקאַנטע הגהות צום שם הגדולים, שרייבט מיט אַ קלאָרקייט "והי' בן אחי הרמ"ה, ובמחילת כבוד בעלי המסכימים שיחסו לאבי הר"מ, שהי' נקרא גם כן רבינו טודרוס הלוי".

אין קורצן, דער דרוקער פונעם ספר "אוצר הכבוד" האָט בטעות געשריבן אַז דאָס איז רבינו טודרוס דער פאָטער פונעם רמ"ה. ריכטיג איז אַז דער מחבר איז רבינו טודרוס דער פלומעניק פונעם רמ"ה. דער דרוקער איז אבער נישט געווען רבי ליב עמריך.

צוויי אויפלאַגעס פונעם ספר "אוצר הכבוד"

רבי ליב עמריך האָט בלויז מעתיק געווען דעם ספר פון כתב יד. עס איז נישט באַקאַנט צי ער האָט דאָס געלאָזט דרוקן אויך, אדער בלויז מעתיק געווען פאַר זיך. דער ספר איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין יאָר תקס"ח. און טראָץ רבי ליב עמריך האָט אין תקס"ח נאָך געלעבט, איז ער זיכער נישט געווען דער מוציא לאור, ווייל ער איז געווען אַ פראַנקפורטער און דער "אוצר הכבוד" איז ערשינען אין פוילן דורך אַ חסידישן רב, הגה"צ רבי יצחק אב"ד טוטשין זצ"ל

בילד אויפן קעפל: אויבן: דער קאָלאָפאָן אינעם ספר הכבוד פון יאר תרפ"ו, מיט אויבער-שטרעכעלעך
אונטן: דער קאָלאָפאָן אינעם ספר אוצר הכבוד פון יאָר תקס"ח, מיט פינטלעך העכער די אותיות

וועלכער האָט גענומען דערויף הסכמות פון די חסיד'ישע צדיקי הדור שרפי מעלה זי"ע.

עס זענען פאַרבליבן צוויי אויפלאַגעס פונעם ספר, איינס דאָס פריער-דערמאַנטע וואָס איז ערשינען אין שטאָט נאָווי-דוואָהר, פוילן אין יאָר תקס"ח און אַ צווייטע וואָס מ'האָט געדרוקט נאָנט צו 120 יאָר שפּעטער אין סאַטמאַר, אין יאָר תרפ"ו.

דער ערשטער (פאַרבליבענער)-דרוק פון תקס"ח איז מעוטר מיט הסכמות פון די גרויסע חסיד'ישע צדיקים אבות החסידות, דער קאָזשניצער מגיד זי"ע, דער ראָפּשיצער רב זי"ע עפ"י ציווי פון רבי ר' מענדעלע רימנובער זי"ע, ווי אויך עטליכע שורות פונעם חוזה מלובלין זי"ע.

דער סאַטמאַרער דרוק האָט הסכמות פונעם קרן לדוד זצ"ל, פונעם שאמלויער רב זצ"ל, ווי אויך איז אונטערגעשריבן אין די רעפרעמונאַנטן "הגה"צ יואל טייטעלבוים שליט"א אבדק"ק קראלי" און "הגה"צ אליעזר פיש שליט"א מביקסאד".

אויפ'ן שער בלאַט שטייט געשריבן אַז דער ספר איז געווען באַהאַלטן זעקס הונדערט יאָר ("ראה זה דבר חדש הוא אשר לא הי' בימים הראשונים, כי הי' אורו נגנז זה מעט שש מאה שנה") ביז עס איז געקומען דער טוטשינער רב מוהר"ר יצחק און ער האָט דאָס געברענגט צום דרוק. דער זעלבער שער-בלאַט שטייט אויך אויפ'ן סאַטמאַרער דרוק פון תרפ"ו.

ווי מיר וועלן זיך שפּעטער איבערצייגן, זענען די ביידע אויפלאַגעס קלאָר געקומען פון די העתקה פון רבי ליב עמריך וועלכער האָט דאָס איבערגעשריבן פון כתב יד שוין אין יאָר תק"ל. עס איז העכסט וואַרשיינליך אַז דער טוטשינער רב האָט דאָס אין יאָר תקס"ח אָפּגעקויפט פון רבי ליב עמריך.

אַ העכסט מאָדנער קאָלאָפאָן

ביים סוף ספר איז אַריינגעדרוקט דער "קאָלאָפאָן" (מיר האָבן שוין עטליכע מאָל געברענגט איר באַדייט: עטליכע שורות וואָס די מדפיסים פלעגן צושרייבן ביים אָנהויב אָדער סוף ספר, און געשריבן ווער, ווען און וואו עס איז געווען דער דרוקער אדער אויפזעצער).

דער קאָלאָפאָן אין דעם ספר איז זייער אינטערעסאַנט און ליינט זיך, ווי פאָלגנד:

"נזדא זג אדא גאב בה בבא גודחאג זד באב בגהד דא".

אין די זייט האָבן מיר געברענגט אַ בילד, און מען קען זען אַז אויסער די מאָדנע אותיות, זענען פילע פון די אותיות געפינטלט פון אויבן.

דער סאַטמאַרער דרוק פון תרפ"ו איז אַ נייע אויפלאַגע מיט שענערע אותיות, אבער ביים ענדע האָט דער פרישער מוציא לאור אויך געלאָזט דעם זעלבן קאָלאָפאן, נאָר מיט אַ חילוק: אינעם נאָווי-דוואָהרער אויפלאַגע זענען די אותיות באַצירט מיט פינטלעך העכער זיי. אינעם סאַטמאַרער אויפלאַגע זענען די אותיות באַצירט מיט אויבערשטרעכעלעך, ווי זיי וואָלטן געווען ראשי תיבות.

ר' אלי' שטערן נ"י איז אַ ידען וחוקר וועלכער איז איינגעשטעלט אין "קדם" ליציטאַציע, וואָס באַפאַסט זיך, ווי באַקאַנט, מיט זאַמלען און פאַרקויפן אור אַלטע כתבי ידות און אַנדערע אידישע אַנטיקן. ר' אלי' האָט אַן אייגענע אויסגאַבע אין וועלכן ער פּובליצירט אינטערעסאַנטע היסטאָרישע זאַכן וואָס קומען אים אונטער די הענט ביי די אַרבעט אין "קדם". עטליכע יאָר צוריק האָט ער מפרסם געווען דעם קאָלאָפאָן און געבעטן הילף דאָס מפענח צו זיין, און אַ תלמיד חכם פון ארץ ישראל, הרב יעקב ישראל סטעטאַל שליט"א, האָט אים דעשיפרירט דעם רמז, זייער וואונדערליך.

צום ערשט, עס איז נישט קיין ראשי תיבות, נאָר אַ געהיימער "קאָוד". די פינטלעך העכער די אותיות, צייגן אָן

זה השער לה' צדיקים יבואו בו

ספר

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"ט

אוצר הכבוד

אשר אזן וחיקר ותיקן האי חסידא קדישא הרב האלקי מרנא ורבנא רבינו טודרוס הלוי · אבי הגאון החסיד המקובל האלקי רבינו מאיר הלוי · אשר האיר עיני הגולה בחיבוריו בנגלה ובנסתר:

ראה זה דבר חדש הוא אשר לא היה בימים הראשונים כי היה אורו גנוז זה מעט שש מאות שנה · עד בחמלת ה' הופיע לנו ונתגלה אור הקדוש הזה על ידי הרב המה"ג כבוד מוהר"ר יצחק

והובא לבית הדפוס

ע"י ... יעקב ...

בנאווי דוואהר

ועליך יזרח אור:

ספר "אוצר הכבוד" ערשינען אין נאָווי-דוואָהר, אין יאָר תקס"ח

זה השער לה' צדיקים יבאו בו

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"ח

ספר

אוצר הכבוד

אשר אזן וחיקר ותיקן האי חסידא קדישא הרב האלקי מרנא ורבנא רבינו טודרוס הלוי. אבי הגאון החסיד המקובל האלקי רבינו מאיר הלוי. אשר האיר עיני הגולה בחיבוריו בנגלה ובנסתר:

ראה זה דבר חדש הוא אשר לא היה בימים הראשונים כי היה אורו גנוז זה מעט שש מאה שנה · עד בחמלת ה' הופיע לנו ונתגלה אור הקדוש הזה על ידי הרב המה"ג כבוד מוהר"ר יצחק נ"י אבד"ק טוטשין · אשר עמל ויגע עצמו לגלות אור תעלומות ספר הקדוש הזה אשר הוא פירוש וביאור עמוק מאוד על אגדות הש"ס מסדר זרעים ומועד על דרך חכמה האמיתית מבאר דברי חכמים וחידותם · בכל מאמר ומאמר יש סוד פנימי · אשרי הדור אשר זכו ליהנות מזיו חכמת רבינו טודרוס הלוי:

הובא לבית הדפוס ע"י מאת והוצאת מהרב מהר"י הנ"ל לזכות בו את הרבים חבוּת הרב האלקי המחבר יעמוד לנו ונזכה להבין סוד עמקי תורה"ק ונלכה ונעלה לציון ברינה:

נדפס בפעם הראשונה בשנת תקס"ח ועתה הובא לבית הדפוס שנית על ידי השותפים מו"ה מאיר מאיער מטשערטעז ומו"ה יצחק הערשקאוויטש מבאמארטש ויהי' סיגן עלינו זכות המחבר הקדוש שיחיש קרן התורה וישראל במהרה בימינו אמן:

סאטמאר תרפ"ו
בדפוס המשובח והמפואר מאיר ליב הירש
DRUCK VON M. L. HIRSCH SATU-MARE (RUMÄNIEN)

ספר "אוצר הכבוד" ערשינען אין סאטמאר אין יאָר תרפ"ו

פונקטליך וויאַזוי מען דאַרף דאָס ליינען. דאָס מיינט אַז ווען דער דרוקער פונעם סאַטמאַרער אויפלאַגע האָט געלייגט אויבערשטרעכעלעך אַנשטאָט פינטלעך, האָט ער פאַקטיש שאָדן געמאַכט, נישט פאַרראָכטן ווייל אַזוי קען מען דאָס בשום אופן נישט ליינען.

פאַר אונזערט-וועגן, מיר זאָלן דאָס קענען גרינגער ליינען, לאָמיר נעמען די זעלבע אותיות און דאָס אויסלייגן מיט די פינטלעך פון אונטן:

"נִזְדְאִ זְגִ אִדאִ גִאִב בהִ בְבאִ גודִחאִגְ זְדִ בְאִבִ בגְהִדְ דְאִגִ".

ווי מען קען זען, זענען די אותיות באַצירט מיט צוויי ערליי פינטלעך: טייל אותיות האָבן איין פינטל, אַ חיריק, און טייל אותיות צוויי פינטלעך איינס העכערן צווייטן, ווי אַ שוא. און דאַן זענען דאָ טייל אותיות וואָס פאַרמאָגן אינגאַנצן נישט קיין שום פינטל.

דריי סאָרט אותיות, געלייענט אויף אַנדערע וועגן

הרב סטעטאַל אַנטפּלעקט אַז דער שרייבער פון די אותיות האָט זיך דאָ באַנוצט מיט דריי ערליי אותיות צו באַהאַלטן זיין אידענטיטעט, ווי פאָלגנד:

1. געוועגליכע א"ב אותיות.
2. אי"ק בכ"ר (אַ סאָרט חילופי אותיות וואָס מען טרעפט פיל אין ספרים, שפּעטער מער ערקלערט).
3. אַן אות וואָס מען דאַרף אויפטוישן מיט 4 אותיות פריער. (צום ביישפּיל, אויב שטייט ו', מיינט דאָס עכט ב').

העכער די געוועגליכע א"ב אותיות שטייט נישט קיין שום פינטל.

העכער די אותיות וואָס מען דאַרף אויפטוישן מיט אי"ק בכ"ר, שטייט איין פינטל, אַ חיריק.

העכער די אותיות וואָס מען דאַרף אויפטוישן מיט 4 אותיות פריער, שטייט צוויי פינטלעך, אַ שוא.

*

די חילופי אותיות פון "אי"ק בכ"ר" אַרבעט אַז 1(א), 10(י) און 100(ק) זענען אַ סעט און מען קען די דריי אותיות אויפטוישן איינס מיט'ן אַנדערן. דאָס זעלבע זענען 2(ב), 20(כ) און 200(ר) אַ סעט, אאַ"וו. לאָמיר אַראָפּברענגען די גאַנצע טבלא ווי פאָלגנד:

א י ק
ב כ ר
ג ל ש
ד מ ת
ה נ
ו ס
ז ע
ח פ
ט צ

(עס איז זייער גרינג צו ליינען די טבלא. הויפּטזעכליך אַרבעט אי"ק-בכ"ר אַז יעדע מספר קטן קען מען אויפטוישן מיט'ן מספר גדול. צום ביישפּיל, אויב שטייט דער אות ט', 9, קען מען דאָס אויפטוישן מיט אַ צ', 90. דאָס זעלבע פאַרקערט, אויב שטייט ס', 60, טוישט זיך דאָס אויף מיט ו', 6. אויסער ביי די ערשטע פיר, "איק", "בכר", "גלש"

און "דמת", דאַרף מען קוקן צי עס מיינט נישט די דריי-ציפערדיגע נומערן, די פיר אותיות קרש"ת. צב"ש, אויב שטייט ד', 4, דאַרף מען קוקן צי דער שרייבער האָט געמיינט מ', 40 אדער ת', 400.)

*

איצט לאָמיר פרובירן אויסצולייגען די אותיות:

"נְזְדְאָ זְגְ אְדאְ גְאְב בְהְ בְבְאְ גודְחְאְגְ זְדְ בְאְבְ בְגְהְדְ דְאְגְ".

און מיר וועלן העלפן בלויז מיט'ן ערשטן וואָרט. דאָס איבעריגע וועלן מיר לאָזן פאַר די לייענער אַליין אויסצו'חשבונ'ען:

נְזְדְאְ.

נ' און ז' האָבן איין פינטל, וואָס מיינט אַז עס איז געשריבן לויט'ן סדר פון אי"ק-בכ"ר און באַדייט אַז זיי לייענען זיך אמת'דיג "ה" און "ע".

ד' און א' האָבן צוויי פינטלעך, דאָס מיינט אַז מען דאַרף זיי אויפטוישן מיט 4 אותיות פריער. 4 אותיות פאַר ד' איז ת' (ווייל אַז מען קען נישט גיין ווייטער נאָך א', גייט מען צוריק צום ענדע, צו ת'). 4 אותיות פאַר א' איז ק. צוזאַמען: דאָס וואָרט "העתק".

אלעס צוזאַמען לייענט זיך די שורה ווי פאָלגנד:

"העתק על ידי ליב בן רבי גומפיל עמ-ריכ בשנת תקל".

דאָס איז די דעשפירירונג פון פון הרב סעטאל און עס דאַרף אָנגעמערקט ווערן, אַז בעצם ווערט דער פיענוח שוין געברענגט אין אַ ספר "אוהל רחל", י"ל בניו יארק שנת תש"מ. אבער דאָרט שטייט נישט וויאַזוי די מאָדנע אותיות לייענען זיך "העתק ע"י ליב עמריך וכו'".

אַנדערע דעשיפריקונג: ס'איז אַלעס אי"ק-בכ"ר

אַן אַנדערער נבון וחכם פון ארץ ישראל, הרב יוסף עופר הי"ו, האָט רעאַגירט אויפ'ן דעשיפרירונג פון הרב סעטאַל און אָנגעוויזן אַז מען דאַרף נישט גיין אַזוי קאָמפּליצירט. לויט אים זענען אַלע דריי סאָרט אותיות, די ליידיגע, די מיט איין פינטל און די מיט צוויי פינטלעך, אַלעס פונעם חשבון "אי"ק בכ"ר", ווי פאָלגנד:

אַז מען באַטראַכט דעם לחש זעט מען אַז אַלע אותיות זענען צווישן א' און ט' (מיט'ן אויסנאַם פונעם ערשטן אות נ'. אויך: דער אות ט' איז נישט בנמצא אין דעם רמז, ער מיינט צו זאָגן אַז עס גייט נישט ווייטער פונעם ערשטן קאָלום פון אי"ק בכ"ר, וואָס ענדיגט זיך ביי ט'.)

אויב שטייט נישט קיין פינטל העכער'ן אות, מיינט דאָס אַז דאָ באַלאַנגט טאַקע דער אָריגינעלער אות וואָס שטייט דאָ געשריבן. אויב שטייט איין פינטל מיינט דאָס, רוק דיך אַוועק פונעם אות מיט איין קאָלום. אין אַנדערע ווערטער, טויש אויף דעם אות מיט'ן אות פונעם צווייטן קאָלום פון אי"ק בכ"ר (צום ביישפיל, אויב שטייט אַ ז', טויש עס מיט ע'). אויב שטייט צוויי פינטלעך מיינט דאָס, רוק דיך אַוועק פונעם אות צוויי קאָלומס. אין אַנדערע ווערטער, טויש אויף דעם אות מיט'ן אות פונעם דריטן קאָלום. צום ביישפיל, אויב שטייט אַ ד', טויש עס צו ת'.

לאָמיר דאָס בעסער צעלייגן: אויב עס שטייט אַן "א", דאַן, אויב האָט דאָס נישט קיין פינטל, בלייבט טאַקע דער א' אַן א'. אויב שטייט דערויף איין פינטל, רוק דעם א' צום צווייטן אָרט פון אי"ק בכ"ר, דאָס מיינט אַז אַנשטאָט א' קומט דאָ י'. אויב שטייט צוויי פינטלעך, מיינט דאָס רוק דעם א' צום דריטן אָרט פון אי"ק בכ"ר, דאָס מיינט, דער א' איז פאַקטיש אַ ק'.

אויסער ביים ערשטן אות נ' האָט ער געשריבן איין פינטל און עס מיינט: רוק עס ריקווערטס, צום אות ה' פון אי"ק בכ"ר. אַזוי קומט פון דעם חשבון אַרויס די זעלבע רעזולטאַטן:

"העתק על ידי ליב בן רבי גומפיל עמ-ריכ בשנת תקל".


מכתבים

מכבוד רבינו הגאון הגדול המפורסם לצדיק נשגב ונבר כקש"ת מרנא אליעזר דוד שליט"א אבדק"ק סאקמער יע"א.

הק' אליעזר דוד
אבדק"ק סאקמער

מכבוד רבינו הגאון הגדול המפורסם לצדיק נשגב ונבר כקש"ת מרנא שלמה זלמן שליט"א אבדק"ק שאמלויא יע"א.

הק' שלמה זלמן עהרענרייך
אבדפ"ד.

שמות החותמים

הגה"צ יואל טייטעלבוים שליט"א אבדק"ק קראלי
הגה"צ אליעזר דוד גרינוואלד שליט"א אבדק"ק סאטמאר
הגה"צ שלמה זלמן עהרענרייך שליט"א אבדק"ק שאמלויא
הגה"צ אליעזר פיש שליט"א אבדק"ק
הגה"צ שלום יצחק לעווישאן שליט"א אבדק"ק קריסטיאכע (סרוועגען)

ספר מעוטר מיט הסכמות פונעם קרן לדוד און שאמלויער רב זצ"ל. פון די "חותמים" איז אויך מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע


אודיעך מה ששמעתי מפה ידידי הרבני כ"ה ליב עמריך מפפ"ד על פסוק וכל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק [שם ע"ב י"א], כי לע"ל יתבטל הרע מהעולם, והנה האותיות הראשונות והאחרונות של כל תיבה נקראו קרנות התיבה כי כמה עומדים בקרן זוית, ואם תסיר האותיות הראשון והאחרון מרשע הוא רי"ש עי"ן אותיות רע שזה יתבטל לע"ל ישאר שי"ן, ואם תסיר כן מצדיק אות הראשון והאחרון, אמנם לא תסירם לגמרי כמו ברשע, שהרי מצדיק לא יתבטל דבר חלילה, רק תצרף אות הראשון והאחרון, נעשה ממנו תיבה ק"ן ותשאר באמצע ב' אותיות ד"י, ואם תצרף לזה שי"ן הנשארת מהרשע הנ"ל יעלה שד"י והוא קן שדי, וזהו וכל קרני רשעים אגדע לגמרי ותשאר שי"ן כנ"ל, ואח"כ תרוממנה קרנות צדיק, לא יגדע אותם חלילה אלא תרוממנה לצרפם יחד כנ"ל. וזהו יגמר נא רע רשעים [שם ז' י'], ב' אותיות רע יגמור לגמרי, ותכונן צדיק, מתיבת צדיק לא יכלה דבר כי יהיה מכוון, רק בוחן לבות וכליות אלקים צדיק, פי' בוחן וצורר לבות היינו אמצע אותיות בפני עצמן וכליות בפני עצמן שהם הצדדים יעשה קן שדי, ע"כ דפח"ח.

דער חתם סופר ברענגט א געוואַלדיגן (און היינט באַרימטן) רמז פון זיין ידיד רבי לייב עמריך זצ"ל

רבי ליב עמריך באַהאַלט זיך אונטער רמזים

אונטערשטע שורה (אדער אויבערשטע שורה, לויט וואו די פינטלעך זענען פלאַצירט...), דער מעתיק איז אונזער היינט-באַקאַנטער רבי לייב עמריך זצוק"ל. אַנדערש ווי אַנדערע קאָלאָפנס וואָס געבן אַרויס דעם אידענטיטעט פונעם "דרוקער", אדער פונעם "בחור הזעצער", דערציילט אונז דער קאָלאָפאָן אַז רבי ליב האָט דעם ספר "מעתיק" געווען פון כתב יד.

דאָס לייגט זיך זייער אויפ'ן שכל - רבי לייב עמריך, דער תלמיד מובהק פונעם מקובל האלקי רבי נתן אַדלער זי"ע האָט ווי זיין רבי'ן עוסק געווען אין עניני קבלה און דערפאַר האָט ער געהאַט אַן אינטערעסע אין דעם קבלה ספר פון איינעם פון די ראשונים.

אויך דער אינטערעסאַנטער אונטערשריפט איז צוגעפּאַסט צו רבי ליב עמריך וועלכער איז, אין צוגאָב צו זיינע אנדערע ידיעות בתורה, אויך געווען אויסגעקאָכט אין "כתרי אותיות", ווי מען קען זען פון דעם בייגעלייגטן חתם סופר (וואָס מיר האָבן פאַרשפּראָכן אַראָפּצוברענגען אינעם אַרטיקל איבער דאָס מנין פון רבי נתן אַדלער, אבער מחמת טעות הדפוס איז דאָס אַרויסגעפאַלן).

ווי פריער באַטאָנט קען מען נישט וויסן היינט צי ר' לייב האָט דאָס מעתיק געווען פאַר זיך אדער אַרויסצוגעבן אין דרוק. אויב מיר וועלן אָננעמען אַז דער טוטשינער רב האָט דאָס פערזענליך אָפּגעקויפט פון רבי ליב, קען מען אויך שפּעקולירן אַז ער האָט געוואוסט דעם באַדייט פון די מאָדנע אותיות ביים סוף ספר. ווידעראום דער שפּעטערדיגער דרוקער פון סאַטמאַר, וועלכער האָט


ב רבינו טודרוס מטוליטולא אבי הרמ"ה ומכונה אבולעפיא
כמ"ש הקורא דף י"ט ע"ב.
ג רבינו טודרוס בן אחיו של הרמ"ה חיבר חידושי יבמות
הזכירם הרב מהרלב"ח סוף סי' ז' ואפי' ראיתים בכ"י ישן
אלף ונפטר שנת מ"ב לאלף הששי.

דער חיד"א אין שם הגדולים רעכנט אויס ביידע רבי טודרוס אבולעפיא, דער זיידע און אייניקל



הסכמות הגאונים המאורים הגדולים

ספר איז מעוטר מיט הסכמות פון די גרויסע חסידישע צדיקים שרפי מעלה זי"ע

מע רכה א ספרים

רבי מנחם מענדל קרענגיל ז"ל פון קראקא זאָגט אז דער ספר איז פון רבי טודרוס דער פלומעניק

פונדאַסניי איבערגעזעצט די אותיות, האָט וואַרשיינליך דאָס געלאָזט ווייל ער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ קבלה ספר, מן הסתם זענען די אותיות געוויסע שמות...

פאַרוואָס האָט ר' לייב עמריך זיך באַהאַלטן? דאָס קען מען אַליין משער זיין. אין די תקנ"ל יאָרן איז דאָס התנגדות אין פראַנקפורט צו רבי נתן אַדלער און זיין בית המדרש שוין געווען בתקפו. מען האָט שוין אַרויסגעגעבן דעם ערשטן כרוז, טאָקע נישט קעגן רבי נתן פערזענליך, אבער יאָ קעגן זיינע תלמידים, אַז קיין איין שול און שטאָט טאָר נישט אויפנעמען קיין רב פון מתפללים פון רבי נתן'ס בית המדרש.

פון די הויפט טענות קעגן רבי נתן און זיין בית המדרש איז דאָך געווען דאָס לימוד והתנהגות עפ"י קבלה און אינעם כרוז איז ספעציפיש אַרויסגעשריבן דער נאָמען פון רבי ליב עמריך.

דעריבער ווען רבי ליב עמריך זצ"ל האָט איבערגעשריבן דעם ספר פון כתב יד האָט ער דאָס געטון לשם שמים; ער האָט געוואָלט דער ספר זאָל נתפרסם ווערן בכבוד הראוי, און דערפאַר האָט ער נישט אָפן אַרויסגעשריבן זיין נאָמען נאָר זיך באַהאַלטן אינעם מערקווירדיגן רמז.

רבי וואלף היידנהיים און רבי ליב עמריך

אגב, אין די אוצרות פון "קדם" ליציטאַציע געפינען זיך עטליכע אַנטיק-ספרים וואָס דער חכם המפורסם ר' וואלף היידענהיים ז"ל (דער חתם סופר איז אים משבח אויף עטליכע ערטער) האָט אָפּגעקויפט פון רבי ליב עמריך. ר' וואלף איז געווען אַ תלמיד פון הגאון רבי יוסף שטיינהאַרט זצ"ל אבד"ק פיורדא (פירטה), וואָס ווי מיר האָבן געברענגט אינעם מאמר "דאָס בית המדרש פון רבי נתן אדלער" איז דער פיורדער רב געווען פון די ראשי הלוחמים קעגן רבי נתן אדלער. עס איז מערקווירדיג אַז ר' וואלף היידנהיים, טראָץ ער איז געווען זיין תלמיד, האָט געהאַט אַן אָנקער מיט ר' ליב עמריך (מעגליך איז דאס געווען בלויז געשעפטליך, ווייל ר' וואלף היידנהיים האט געהאט א דרוקעריי אין רעדלהיים, נעבן פראנקפורט).



ר' וואלף היידנהיים האט אפגעקויפט אנטיק ספרים פון רבי לייב עמריך

אין איין ספר טרעפט מען "קניתיו אני וואלף היידנהיים מאת ר' ליב עמריך בחודש שבט תקע"ב". אין אַן אַנדערן ספר: "קניתיו מן התורני ר' ליב עמריך בשנת תקס"ט, וואלף היידנהיים".

נאכמער מערקווירדיג איז אַ כתב יד פון "פסיקתא רבתי" וואָס געפינט זיך היינט אינעם בריטישן מאָזעום און דאָרט איז אריינגעשריבן: "שייך להמופלא כמהר"ר נתן אדליר כ"ץ נר"ו". דאן שטייט נאך א שורה: ""קניתיו אני וואלף היידנהיים מאת ר' ליב עמריך מ"ס (מוכר ספרים?) בשנת תק"ע".

דאָ זעט מען ווי ר' וואלף היידנהיים, תלמיד פון ר' יוסף שטיינהארט, האט אפגעקויפט אַ כתב יד וואָס איז גאָר געווען די אייגענטום פון רבי נתן אדלער זצ"ל, וואס נאך זיין הסתלקות איז דאס מסתמא אריבער צו ר' לייב (ר' נתן האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער), און ער האט דאס פארקויפט ווייטער פאר ר' וואלף היידנהיים.

ווי אימער, איז דאָס נאָך אַ באַוויז אַז רבי ליב עמריך האָט זיך אָפּגעגעבן מיט כתבי ידות, און נאָך אַ באַוויז אַז צווישן די חכמי פראַנקפורט האט מען נישט געלייגט קיין גרויסן געוויכט אויפ'ן ח"ר; יעדער האט אנערקענט דאס גדלות פון רבי נתן אדלער ותלמידו ר' לייב עמריך (וועלכער איז, ווי דערמאָנט, געווען אַרויסגעשריבן אינעם ח"ר), און אין ענדע איז מקוים געווארן "את והב בסופה".